**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/17/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון באפעסטיגונג פראיעקט צו באשיצן CAMP HOLLIS פון צוקונפטיגע פארפלייצונגען און הויכע וואסער**

***פארענדיגטער פראיעקט סטאביליזירט ברעג לענגאויס Camp Hollis און פארזיכערט אז די זומער קעמפ בלייבט אפן און זיכער***

***טייל פון ניו יארק סטעיט'ס 300 מיליאן דאלארדיגע 'לעיק אָנטאַריאָ באפעסטיגונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג איניציאטיוו'***

***פראיעקט שטיצט גאווערנער'ס "אוועקגיין פון די סקרין, ארויסגיין אינדרויסן" איניציאטיוו***

***בילדער פון פראיעקט 'בעפאר און דערנאך' זענען פארעפנטליכט [דא]***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון קאנסטרוקציע אויף א פראיעקט צו באשיצן Camp Hollis פון צוקונפטיגע פארפלייצונגען און הויכע וואסער שטאפלען. זיך געפונענדיג אין די טאון אָוו אסוויגאָו, איז Camp Hollis א זומער קעמפ פאר קינדער, צושטעלנדיג פארוויילונג געלעגנהייטן פאר מער פון 2,000 וואקלדיגע יונגווארג יעדעס יאר, און אזוי אויך אלס לאקאציע פאר פריוואטע געשעענישן. דער פארענדיגטער באפעסטיגונג פראיעקט סטאביליזירט נאענט צו 600 פיס פון לעיק אָנטאַריאו ברעג און פארמיידט ווייטערע אפשווענקונג און די דערנענטערונג פון די עק פון די שטיין וואס שטייט העכער די וואסער צו די קעמפ איינריכטונגען, העלפנדיג זיכער מאכן אז די היסטארישע קעמפ בלייבט אפן פאר קעמפער און באזיכער. דער פראיעקט שטיצט ווייטער גאווערנער קעטי האקול'ס ["אוועקגיין פון די סקרין, ארויסגיין אינדרויסן" (Get Offline, Get Outside) איניציאטיוו] וואס איז אנגעהויבן געווארן פריער דעם חודש צו שטופן פאר פיזישע און גייסטישע געזונטהייט דורכן העלפן ניו יארק'ס קינדער און פאמיליעס ארפלייגן זייערע טעלעפאנען און קאמפיוטערס, נעמען א פויזע פון סאָושעל מידיע און געניסן פון פארוויילונג און דרויסנדיגע געזעלשאפטליכע פארזאמלונגען.

"פילע פון ניו יארק'ס קאמיוניטיס זעצן פאר צו זיין אין סכנה פון די ווירקונגען פון קלימאט טויש, און אינציאטיוון ווי דער REDI פראגראם העלפן ארויס קאמיוניטיס אויף די ברעגעס צו באשיצן זייערע אינפראסטרוקטור, איינוואוינער און ביזנעסער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער Camp Hollis פראיעקט וועט פארמערן פארפלייצונג באשיצונג מאסנאמען צו העלפן באשיצן די באליבטע קעמפ, עס האלטנדיג אפן פאר קינדער צו הנאה האבן דערפון פאר פילע קומענדיגע דורות."

ניו יארק סטעיט האט געשאנקען דעם 500,000$ פראיעקט פאר אסוויגאָו קאונטי דורך די [סטעיט'ס לעיק אָנטאַריאָ באפעסטיגונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג איניציאטיוו ( Resiliency and Economic Development Initiative, REDI)]. כוואליעס און דרוק פון אנגעהויפנטע אייז, אנגעברענגט דורך שווערע שטורעמס, האבן געהאלטן אין איין אוועקשווענקען די עק פון די שטיין העכער די וואסער,

פאראורזאכנדיג אז די עק זאל ווערן נאענטער צו Camp Hollis'ס שפיל פעלד און איינריכטונגען און ברענגענדיג געפארפולע אומשטענדן פאר קעמפ באזיכער.

דער פראיעקט'ס באפעסטיגונג שיטות רעכענען אריין דאס אינסטאלירן א 'ריף-רעפ' שטיינערנע מויער סיסטעם אויפן ברעגע מיט א נייע שיפקייט. אין צוגאב זענען פלאנצונגען צוגעלייגט געווארן צווישן די שטיינער און די שיפע ברעג צו פארקלענערן פאטענציאלע אפשווענקונגען און באשיצן די אונטערשטע טייל פון די שטיין אויף די זייט פון די טייך. די דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC) האט איבערגעזעהן די קאונטי'ס דורכפירונג פון דעם פראיעקט.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג צייטווייליגער קאמישאנער, שאן מאהאר, האט געזאגט,** "די פארבעסערונגען ביי Camp Hollis באשיצן א קריטישע ברעג נאכפאלגנדיג אפשווענקונג דורך פארפלייצונגען און שטורעמעס געטריבן דורך קלימאט טויש — בשעת'ן אפהיטן די געלעגנהייטן פאר דעם קומענדיגן דור פון קעמפער און יונגערע ענווייראמענטאלע וועכטער צו איינקריצן זכרונות וואס וועלן בלייבן פאר די גאנצע לעבן. מיט די שטיצע פון גאווערנער האקול, איז די DEC שטאלץ צו העלפן פאראויס שטופן די REDI מיסיע אין אסוויגאָ קאונטי, צו העלפן זיכער מאכן אז טייער-געהאלטענע היסטארישע פלעצער ווי Camp Hollis ווערן אפגעהיטן פאר קעמפער און באזיכער צו געניסן פון אפאָרדעבעל דרויסנדיגע פארוויילונג פאר נאך 78 יאר."

**REDI פארזיצער און עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופּ נייט, האט געזאגט,** "פונקט אין צייט פאר זומער, איז דער Camp Hollis פארפלייצונגען באפעסטיגונג פראיעקט אין אסוויגאָ פארטיג. קעמפער און באזיכער וועלן זיכער זיין דאנקבאר פאר די וויכטיגע אינפראסטרוקטור ארבעט וואס באשיצט זייער באליבטע קעמפ פון צוקונפטיגע פארפלייצונגען און ברעג אפשווענקונג. דער פראיעקט איז די לעצטע פון גאווערנער האקול'ס פילע REDI פראיעקטן וואס העלפן היטן אויף וואסער ברעג קאמיוניטיס פון שעדיגנדע פארפלייצונגען."

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "אלס א REDI קאמישאנער פאר אסוויגאָ קאונטי און אלס אן אפטער באזוכער, האט די לעיק אָנטאַריאָ ברעג א ספעציעלע פלאץ אין מיין הארץ, פונקט ווי די ארבעט וואס די REDI קאמיסיע האט געטוהן צו העלפן פארשטערקערן אירע שוץ מיטלען. Camp Hollis שטעלט צו אן אומשאצבארע סערוויס ביים האלטן וואקלדיגע יונגווארג אויפן וועג צו צוקונפטיגע הצלחה. דער פראיעקט, וואס האט געהאלפן באפעסטיגן די וואונדערבארע גרעיט לעיקס מוסד, וועט פארזיכערן די מעגליכקייט פון די קעמפ צו זיין אפן יעצט און אין די צוקונפט. מיינע גראטולירנדע וואונטשן פאר אלע וואס זענען פארמישט געווען — דאס איז געווען א באפעסטיגונג פראיעקט מיט א גאר וויכטיגע צוועק, און איך בין שטאלץ צו זעהן אז עס איז אנגעקומען צום ענדע אין צייט פאר דעם זומער סעזאן."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס קאמישאנער, דזשינעט מאָי, האט געזאגט,** "אסוויגאָ קאונטי'ס Camp Hollis איז א ווארעם-אויפנעמנדע פלאץ פאר טויזנטע קאונטי איינוואוינער, באזונדערס פאר וואקלדיגע יונגווארג, וועלכע געניסן פוד י פילע פארוויילונג געלעגנהייטן וואס ווערן געאפפערט ביי די קעמפ. דער Camp Hollis פראיעקט שטרייכט אונטער די וועג וויאזוי די REDI איניציאטיוו, אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, העלפט קאמיוניטיס אויף לעיק אָנטאַריאָ און די סעינט לאורענס ריווער זיך צוריק צו אויפבויען און צו באשיצן וויכטיגע עפנטליכע שטחים אין פארפלייצונג-אויסגעשטעלטע געגנטער."

**סטעיט סענאטאר דזשאן וו. מעניאן האט געזאגט,** "דער פראיעקט, פינאנצירט דורך די סטעיט'ס REDI פראגראם, מאכט זיכער אז Camp Hollis פארבלייבט א זיכערע און ווארעם אויפנעמנדע פלאץ

פאר די טויזנטע וואקלדיגע יונגווארג וואס בענעפיטירן פון אירע פראגראמען יעדעס יאר. איך בין אינגאנצן איבערגעגעבן צו באשיצן די סביבה פאר צוקונפטיגע דורות און צו שטיצן איניציאטיוון וואס פארבעסערן אונזער קאמיוניטי'ס אינפראסטרוקטור. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול און די DEC פאר זייער פירערשאפט ביים סטאביליזירן די ברעג און פארשטערקערן די וויכטיגע אסוויגאָו קאונטי קאמיוניטי אוצר."

**אסעמבלי מיטגליד וויל באַרקלעי האט געזאגט,** "עס איז גאר גוט צו זעהן דעם וויכטיגן פראיעקט פארענדיגט ביי Camp Hollis. די ברעג סטאביליזירונג וועט פארזיכערן די דויערהאפטיגקייט פון די פלאץ, גאראנטירנדיג אז די איינריכטונג וועט גיבן פלאץ פאר קינדער פון יעדע עלטער זיך צו אויסגעבן, פארזעצנדיג זיך צו באטייליגן אין זומער קעמפ איבערלעבענישן. די אינוועסטירונג פון די סטעיט האט פארזיכערט אז די לעיק אָנטאַריאו ברעג פארבלייבט באפעסטיגט און אז עס וועט פארמיידן וויטערדיגע אפשווענקונג. איך קוק ארויס צו זעהן די פאזיטיווע השפעה וואס דאס וועט האבן אויף Camp Hollis און אויף די קאמיוניטי."

**אסוויגאָו קאונטי לעגיסלאטור טשעירמאן, דזשעימס וועדעראָפ, האט געזאגט,** "די ציהל פון דעם ברעג סטאביליזירונג פראיעקט ביי Camp Hollis איז צו אויפהאלטן, באפעסטיגן און באשיצן אונזער לעיק אָנטאַריאָו ברעג און אונזערע איינריכטונגען פון פארשידענע סארטן וועטערס. אזוי ווי איר ווייסט, איז אסוויגאָו קאונטי באקאנט פאר אירע שווערע ווינטערס און שנעלע ווינטן. שווערע שטורעמעס אויף די לעיק אָנטאַריאָו ברעגעס האבן פאראורזאכט אפשווענקונג פון די שטיין אויפן זייט פון די וואסער לענגאויס Camp Hollis, וואו דער ברעג סטאביליזירונג פראיעקט האט אדרעסירט די פראבלעמען."

אין אפרוף צו די כסדר'דיגע פארפלייצונגען לענגאויס די ברעגעס פון לעיק אָנטאַריאו און די סעינט לאורענס טייך האט ניו יארק סטעיט אוועקגעשטעלט REDI צו פארמערן די באפעסטיגונג פון קאמיוניטיס אויף די ברעגעס און אונטערהייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג אין דעם ראיאן. פינף REDI ראיאנישע פלאנירונג קאמיטעס, וועלכע באשטייען פון פארשטייער פון אכט קאונטיס (ניאגארא און ארליענס, מאנראו, וועין, קאיוגע און אסוועגא, און דזשעפערסאן און סט. לאורענס), זענען אוועקגעשטעלט געווארן צו אידענטיפיצירן ארטיגע פריאריטעטן, ריזיקירטע אינפראסטרוקטור און אנדערע פארמעגנס, און פובליק סעיפטי זארגן. דורך REDI, האט די סטעיט זיך פארפליכטעט צו צאלן ביז אזויפיל ווי 300 מיליאן דאלאר צו בענעפיטירן קאמיוניטיס און פארמערן די באפעסטיגונג אין ראיאנען לענגאויס לעיק אָנטאַריאו און די סעינט לאורענס ריווער.

זינט די סטעיט'ס REDI פראגראם איז אוועקגעשטעלט געווארן אין פרילינג פון 2019, זענען שוין 134 REDI-געשטיצטע לאקאלע און ראיאנישע פראיעקטן אונטערוועגנס, אריינרעכענענדיג 26 פראיעקטן וועלכע זענען אין די פלאנירונג שטאפל, 20 פראיעקטן אין די קאנסטרוקציע שטאפלען און 88 פארענדיגטע פראיעקטן.

פאר נאך אינפארמאציע, פראפילן פון די פראיעקטן און פאר REDI נייעס, דרוקט [דא].

**אוועקגיין פון די סקרינס און ארויסגיין אינדרויסן**

פריער דעם חודש האט גאווערנער האקול אנגעהויבן די "אוועקגיין פון די סקרין, ארויסגיין אינדרויסן" (Get Offline, Get Outside) זומער קאמפיין צו שטופן פאר פיזישע און גייסטישע געזונטהייט דורכן העלפן ניו יארק'ס קינדער און פאמיליעס אראפלייגן זייערע טעלעפאנען און קאמפיוטערס, נעמען א פויזע פון סאָושעל מידיע און געניסן פון פארוויילונג און דרויסנדיגע געזעלשאפטליכע פארזאמלונגען. גאווערנער האקול האט אנגעהויבן די קאמפיין מיטן אנאנסירן אז די סטעיט נעמט אוועק די איינגאנג באצאלונג צו אריינגיין אין שווים באסיינען ביי ניו יארק סטעיט פארקס דעם זומער. אין צוגאב האט גאווערנער האקול געעפנט דעם 1.5 מיליאן דאלארדיגן 'פארבינדן קינדער צו שווימען לעסאנס טראנספארטאציע'

גרענט פראגראם צו העלפן מיט (Connect Kids to Swimming Instruction Transportation) טראנספארטאציע צו שווימען לעסאנס אלס טייל פון די NY SWIMS איניציאטיוו. דאס פאלגט נאך די גאווערנער'ס היסטארישע 150 מיליאן דאלארדיגע NY SWIMS אינוועסטירונג צו שטיצן שווים באסיינען אין שוואכערע קאמיוניטיס — ניו יארק'ס גרעסטע אינוועסטירונג אין שווימען זינט די 'ניו דיעל'.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418



שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](https://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן